בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
כ

פרשת מטות מסעי
תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ג - וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

## • נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטָאלְפֶּערְן

עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דִי קְהִלָּה וָואס שְׁטָאלְפֶּערְט, זָאגְט מִיר זַיין טַאטֶע, וִוי אַזוֹי אִיז דָאס גֶעשֶׁען, יָארְן צוּרִיק אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ חֲתוּנָה אִין קַאנַאדֶע, מֶען אִיז גֶעפָארְן לַאנְגֶע שָׁעוֹת אִין אֵיין צוּ, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא וְכוּ', דִי בֵּית הַכִּסֵא אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אִין אַ גֶעז סְטַאנְצְיֶע, דִי בֵּית הַכִּסֵא אִיז גֶעוֶוען אַ טוּנְקֶעלֶע פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּב, זַיין קִינְד אִיז דַאן נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן טַאטֶע'ן: **"אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ גֵיין אִין דֶעם בֵּית הַכִּסֵא"**, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: **"וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא? גֵיי אַרַיין!"** דָאס קִינְד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אָן לָשׁוֹן, זַייט דֶעמָאלְט שְׁטָאלְפֶּערְט עֶר.

וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים; מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן דֶערְשְׁרֶעקְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין בּוֹילֶער רוּם, אָבֶער אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר אַ בּוֹילֶער רוּם, וִויל אִיךְ אַז דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זָאלְן אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסְן פוּן דֶעם שְׁטוּב, קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דֶעם, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ פוּן דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער.

### פַארְוָואס הָאט דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט בֵּית רָחֵל?

פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט בֵּית רָחֵל? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי שׁוּלֶע: **"אִיךְ עֶפְן אַ שׁוּלֶע אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען, נִישְׁט צוּ קֶענֶען שְׁטוּדִירְן"**. 'בֵּית פֵיגָא' וִויל אִיךְ אַזוֹי פִירְן, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט בֵּית פֵיגָא אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ גֵיין אוּן וואוּ צוּ קוּמֶען, מֶען פְּרוּבִּירְט דִי בֶּעסְטֶע אַז יֶעדֶער זָאל זַיין צַייטְלֶעךְ אוּן עֶס זָאל זַיין אַחְרַיוּת'דִיג, אָבֶער אַז אַ תַּלְמִידָה אִיז יָא גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, דַארְף מֶען אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, מֶען זָאגְט אִיר: **"מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁפֶּעט! אָבֶער יֶעצְט זֶעץ זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ, וֶועסְט גוּט מִיטְהַאלְטְן וָואס מֶען לֶערְנְט?"** דִי תַּלְמִידָה עֶנְטְפֶערְט: "יָא", אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי לִימוּדִים.

### וֶוען דִי לֶערֶערִין וָואלְט גֶעוואוּסְט...

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען דָא צְוִוישְׁן דִי לֶערֶערִינְס, אַז אַ לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידוֹת אַז זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן, זִי קָאפֶּערִירְט נִישְׁט, דָאס קִינְד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אָבֶער לֶעצְטְנְס וֶוערְט עֶס עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, דָאס קִינְד אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט דָא, עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, דִי לֶערֶערִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי תַּלְמִידָה, מִיט שְׁטְרֶענְגְקֵייט אָדֶער מִיט גוּטְנְס. הָאט דִי מְנַהֶלֶת מִיט נָאךְ אַ לֶערֶערִין זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"זִי אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְט קִינְד, זִי הָאט פָּשׁוּט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר"**.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט דָאס צוּ הֶערְן, וַוייל וֶוען דִי לֶערֶערִין וָואלְט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, וָואלְט זִי אִיר גֶענוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים! דָאס קִינְד וֶוערְט פָּשׁוּט גֶעפַּייִנִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, דִי מַאמֶע גֶעבְּט אִיר נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, (דִי מַאמֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל אִיר מַאמֶע הָאט אִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען), דָאס קִינְד קוּמְט נֶעבֶּעךְ אִין שׁוּלֶע אָן קַיין מֹחַ. דִי לֶערֶערִין טְרַאכְט נָאר 'צִי דָאס קִינְד גֵייט פָאלְגְן אָדֶער נִישְׁט', מֶען דַארְף צוּגֵיין צוּ דִי לֶערֶערִין אִיר זָאגְן: **"טַייעֶרֶע לֶערֶערִין, דָאס אִיז אַ שֶׁעפֶעלֶע וָואס וֵויינְט, דָאס אִיז אַ נְשָׁמָה'לֶע וָואס וֵויינְט, זִי אִיז בְּלוֹיז אַ קְלֵיין קִינְד, זִי אִיז נָאכְנִישְׁט אַ גְרוֹיס מֵיידְל וָואס קֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב, אוּן גֶעהֶערִיג מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁרַייבּ אַרְבֶּעט וָואס מֶען מַאכְט אִין שׁוּלֶע, זִיךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן אִיר צוּפְרִי, וֶוען מֶען הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן בָּאס גֶעפַּייִנִיגְטֶערְהֵייט, אָן הָאבְּן קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען"**.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אִיבֶּער דְרֵייעֶן אַ קְלַאס. אוֹיבּ דָאס קִינְד דְרֵיידְט אִיבֶּער דִי קְלַאס מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד אַז דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, אָבֶער דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט טוּן מִיט דֶערְשְׁרֶעקְן. מֶען מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג, וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִיר, אוּן עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן קִינְד, עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן אַ קִינְד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן אוֹיפְשַׁיינֶען.

### דִי בְּלוּמֶעלֶע הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט

דִי עֶלְטֶערֶע לֶערֶערִינְס קֶענֶען זִיךְ דָאס אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן, קוּקְט צוּרִיק אוֹיף דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע תַּלְמִידוֹת וָואס אִיר הָאט פוּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַסַאךְ שְׁלִינְגֶען אוּן שְׁלִינְגֶען, אוּן זֶעט וִוי דִי בְּלוּמֶעלֶע הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דִי קִינְדֶער עֶפֶענֶען זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, אַלֶעס אַ דַאנְק אַייעֶר סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד.

אִיךְ גֶעדֶענְק מַעֲשִׂיוֹת וָואס מְלַמְּדִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מִיר בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פוּן שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער (אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין נֶעמֶען פוּן קִינְדֶער, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער דַארְף וִויסְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער), זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, מֶען הָאט זֵיי גֶעלָאזְט זִיצְן אִין דִי זַייט, מֶען הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, אוּן בַּאלְד וֶוערְן יֶענֶע קִינְדֶער אַלֵיינְס מְלַמְּדִים, בַּאלְד שְׁטֶעלְן זֵיי שׁוֹין אוֹיף אַ שְׁטוּבּ.

אִיר זָאלְט וִויסְן וִוי גְרוֹיס דִי זְכוּת אִיז צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער, אוּן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד.

### וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים?

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה; זוּנְטָאג נֶעם אִיךְ אוֹיף תַּלְמִידִים, קוּמְט צוּ מִיר אַ תַּלְמִיד וָואס זַיין וַוייבּ הָאט גֶעלֶערְנְט אִינְגַאנְצְן אֵיין יָאר אִין בֵּית פֵיגָא, זֵיי הַאלְטְן יֶעצְט צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דֶערְצֵיילְן זֵיי מִיר אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז זִי הָאט זִיךְ יֶעצְט אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר! דָאס אִיז חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, דִי וַוייבְּל הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט

‹‹‹

המשך

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

• נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער

פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרג יע"א

דָא אַזוֹי לַאנְג, אָבֶער דִי דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט אִין שׁוּלֶע אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאכְדֶעם דִי דְרָשׁוֹת וָואס זִי הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם - הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אֵיין טָאג הָאט זִי אָפְּגֶעמַאכְט פוּן אִיר אֵייגֶענֶע ווִילְן אַז זִי ווִיל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, וַוייל יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט קִינְדֶער טְרַאכְט: 'אִיךְ רֶעד אוּן אִיךְ רֶעד אוּן אִיךְ רֶעד, טוּ אִיךְ עֶפֶּעס אוֹיף? דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין?' אוּן דָא זֶעט מֶען נָאךְ אַפָּאר יָאר ווִי אַלֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען אַרַיין אוּן עֶס הָאט אוֹיפְגֶעטוּן.

אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, 'עֶס אִיז דָא פְרוֹיעֶן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ 'תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא' אוּן זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ, וואוּ גֵייעֶן מַיינֶע דִיבּוּרִים?' אָבֶער אִיךְ ווֵייס אֵיין טָאג גֵייעֶן דִי דִיבּוּרִים אַרַיין גֵיין, אֵיין טָאג גֵייעֶן זֵיי זִיךְ שֶׁערְן.

### שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט

דֶער שְׂכַר פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט, עֶס אִיז נִישְׁט נָאר שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, מֶען הָאט אוֹיךְ שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט - אַז מֶען פִילְט אַזוֹי גוּט! אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּן דִי וָואךְ, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת שֵׁיינֶע זַאכְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַפָּאר יָאר אַרוּם, וֶוען אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זַיין פֶערְצִיג יָאר, אוּן זֵיי וֶועלְן אַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן: **"אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי נַארִישׁ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אוּן אִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר!"** אוֹי וֶועט דָאס אַייךְ גֶעבְּן לֶעבְּן! אוּן דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט מְלַמְדִים, דָאס אִיז מִיט יֶעדֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין חֶדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, וָואס הָאט סֵיי וֶועלְכֶע שַׁייְכוּת מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶעס מָאל וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִילְד, אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט צוּ זֵיי גֶעדוּלְד.

נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף פְרַאגֶעס וָואס לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט צוּ פְרֶעגְן.

### 🎙 שְׁאֵלָה 🎙

אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ גְרֵייט זִיךְ אָן אַ לִימּוּד צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן בְּשַׁעַת אִיךְ גִיבּ דֶעם שִׁיעוּר זֶעט אוֹיס ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט בְּלַייעֶן אוּן צֶעטְלֶעךְ, אוּן מֶען מַאלֶעוֶועט.

### תְּשׁוּבַת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

אוֹיבּ קַיין אֵיין קִינְד קוּקְט נִישְׁט צוּרִיק אִין פָּנִים פוּן דִי לֶערֶערִין, קֶען זִיךְ דַאכְטְן ווִי מֶען רֶעדְט צוּ דִי וֶוענְט... אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז אַיינְגֶעפִירְט אִין אַלֶע שׁוּלֶע'ס אַז בְּשַׁעַת דִי לֶערֶערִין גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר זִיצְן אַלֶע תַּלְמִידוֹת אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן מֶען שְׁרַייבְּט. אֲפִילוּ דִי תַּלְמִידוֹת וָואס שְׁרַייבְּן נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שִׁיעוּר, זֵיי זִיצְן אוּן קַאטְשְׁקֶענֶען, זֵיי מָאלְן דַאלִי'ס אוּן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי גֵייט אַרַיין.

### 🎙 שְׁאֵלָה 🎙

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אוֹיבּ מֶען אִיז אִיר נִישְׁט מְכַבֵּד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען אִיז מְכַבֵּד אַן אַנְדֶערֶע קִינְד צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אָדֶער גַבְּאַי, הֵייבְּט זִי אָן צוּ מוּטְשֶׁען אוּן פַארְפִירְן?

### תְּשׁוּבַת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

דָאס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַ קִינְד; אוֹיבּ אִיז גֶענוּג אִיר צוּ זָאגְן: **"דוּ וֶועסְט זָאגְן אַ צְוֵוייטֶע מָאל"**, מַאכְט מֶען אִיר שְׁטִיל אַזוֹי. אָבֶער אוֹיבּ אִיז זִי אַזַא סָארְט קִינְד וָואס וֶוען מֶען זָאגְט אִיר דָאס, גֵייט זִי זִיךְ וַוייטֶער אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען, אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל יֶעצְט וֶוערְן אִיבֶּער גֶעקֶערְט, פַארְדְרֵיידְט מֶען שְׁנֶעל דֶעם מַצָּב, אוּן שְׁפֶּעטֶער רוּפְט מֶען אִיר אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, מֶען אִיז אִיר מַסְבִּיר: **"עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אַלֶעס זָאלְסְטוּ טוּן, דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ אִיבֶּער לָאזְן פַאר אַנְדֶערֶע".**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר: לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידְן אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן חָכְמָה צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער אוּן ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה ■

# חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

• מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דִי צְוֵוייטֶע נְקוּדָה,

### "מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע טֵייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'ע עֶלְטֶערְן! מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חֶדֶר מִיט זֵייעֶר אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער מְנַהֵל; אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ סֵיי וֶועלְכֶע זַאךְ וָואס אִיר זֶענְט נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִי חֶדֶר, לָאמִיר זָאגְן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּנֶעם מְלַמֵּד, אָדֶער פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן וָואס דִי קִינְדֶער רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ, אָדֶער אַייעֶר זוּן זָאגְט אַז זַיין מְלַמֵּד אִיז אַ הַאלְבֶּע טָאג נִישְׁט אִין כִּתָּה, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין צִיפְּט עֶר אוּן שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער, בֶּעט אִיךְ אַייךְ בְּרַחֲמִים אַ פְּרִיוַואטֶע טוֹבָה, אַנְשְׁטָאט גֵיין אַרוּמְרוּפְן אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם וָואס אִיר הָאט, הֵייבְּט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אוּן רוּפְט אָן דֶעם מְנַהֵל.

זָאגְט אִים: **"אַ גוּטְן, דָא רֶעדְן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם קִינְד, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, מַיין זוּן דֶערְצֵיילְט מִיר, אַז זַיין מְלַמֵּד קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אַ הַאלְבֶּע טָאג אִין כִּתָּה, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אַרַיין, נֶעמְט עֶר מַיין זוּן פַאר אַ קָרְבָּן, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אִים; אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן, אִיךְ ווִיל נָאר זִיכֶער מַאכְן צִי אַלֶעס אִיז מְסוּדָר, קֶען זַיין מַיין קִינְד פַאנְטַאזִירְט מַעֲשִׂיּוֹת"**, דֶער מְנַהֵל וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן, מֶען וֶועט טוּן דִי בֶּעסְטֶע וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיבּ אִיר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִין שׁוּלֶע, לָאמִיר זָאגְן, אַז אִיר פִילְט אַז דִי לֶערֶערִין ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי קְלַאס, דִי לֶערֶערִין מֵיינְט אַז מֶען וֶוערְט אַ גוּטֶע לֶערֶערִין וֶוען מֶען שְׁטָאפְּט אָן דִי קִינְדֶער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט נַאשׁ, גֵייט נִישְׁט יֶעצְט צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּרֶעדְן, נָאר רוּפְט אָן דִי מְנַהֶלֶת אוּן פְרֶעגְט אִיר וָואס גֵייט פָאר מִיט דִי לֶערֶערִין.

### נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ רוּפְן

עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מוֹרָא אָנְצוּרוּפְן דֶער מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, וַוייל מֶען גֵייט זֵיי אָנְקוּקְן ווִי אַ קָאמְפְּלֶעינֶער (אַן אָפְּרֶעדֶער), אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶלְטֶערְן הָאבְּן רֶעכְט צוּ רוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת צוּ ווִיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט זֵייעֶר קִינְד, פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען רוּפְט נִישְׁט דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אוּן מֶען רֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ אַנְקֶעגְן דִי מוֹסָד, דָאס הֵייסְט אַ מְהָרֵס, אַ פַארְדַארְבֶּער, וַוייל עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר אַז עֶס זָאל וֶוערְן אוֹיס חֶדֶר אוּן אוֹיס שׁוּלֶע.

### צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אַ גַאנְצֶע בִּילְד

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַ פְּרִיוַואטֶע טוֹבָה; רוּפְט אָן דִי הַנְהָלָה פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט, אֲפִילוּ פַאר אַ שְׁטוּת, הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט בַּאלְד גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶערוּפְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דָאס אַז מֶען הֶערְט פוּן דִי לֶערֶערִינְס וָואס זֵיי זָאגְן, אוּן אוֹיךְ פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן, הֶעלְפְט דָאס אוּנְז צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אַ גַאנְצֶע בִּילְד. מִיר שְׁטֵייעֶן אִינְדְרוֹיסְן אוּן מִיר ווִילְן ווִיסְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס טוּט זִיךְ מִיט יֶעדֶע קִינְד אִין יֶעדֶע כִּתָּה.

### מֶען זָאל רוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת

לְכַתְּחִילָה ווִיל אִיךְ מֶען זָאל רוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, וַוייל אִיךְ בִּין אַבִּיסְל פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן יֶעדְנְ'ס קְלֵיינִיגְקֵייטְן, אָבֶער אַז אִיר זֶעט אַז זַאכְן רִיקְן זִיךְ נִישְׁט, אִיר הָאט שׁוֹין גֶערוּפְן אוּן עֶס פַארְבֶּעסֶערְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, קֶענְט אִיר מִיר רוּפְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן מַאכְן דִי בֶּעסְטֶע וָואס מֶען קֶען פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר קִינְד בַּיי אוּנְז אִין חֶדֶר אוּן שׁוּלֶע, דַארְפְן מִיר אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, מֶען קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּאזוּנְדֶער. אוֹיבּ עֶפֶּעס דְרוּקְט אַייךְ, אִיר זֶענְט נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן סֵיי וָואס, הֵייבְּט אוֹיף אַ טֶעלֶעפָאוֹן אָדֶער קוּמְט אַרִיבֶּער אִין חֶדֶר, לָאמִיר זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט, לָאמִיר זֶען וָואס עֶס גֵייט פָאר.

# חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים אוּן 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת' וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְלַמְדִים נָאכְ'ן פָּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מְלַמְדִים הָאבְּן זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט עֶטְלִיכֶע חִיזוּק וֶוערְטֶער פַאר מְלַמְדִים: עֶס אִיז שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֵדֶר, וְוייל אִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים; יְעדֶער דַארְף חִיזוּק, דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים דַארְפְן אוֹיךְ חִיזוּק צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט, אָבֶער דִי מְלַמְדִים הָאבְּן זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט.

לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וָואס דֶער וָואס טוֹיגְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט דָא אוּן עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט דָארְט, עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קַיין שׁוּם פַּרְנָסָה - וֶוערְט אַ מְלַמֵד, אוּן אַזוֹי ווִי קֵיינֶער זֶעט דָאךְ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אִין כִּתָּה צֶעבְּרֶעכְט עֶר דִי קִינְדֶער, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן. אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵׁם אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַז אַ מְלַמֵד אִיז דִי בֶּעסְטֶע אַרְבֶּעט.

זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, בּוֹי זֵיי אוֹיף. אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; אַ מְלַמֵד פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶען אַוֶועק מַאכְן אַ קִינְד אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן אִים אַוֶועקְלֵייגְן פַארְ'ן לֶעבְּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט נָאר פַארְ'ן מְלַמֵד, אֲפִילוּ פַאר דֶער מֶענֶעדְזְשֶער וָואס גֵייט נָאר אַרִיבֶּער דֶעם הָאלְוֶועי (קָארִידָאר) אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעשְׁמַאק. דֶער מְלַמֵד קֶען גֶעבְּן אַ שְׁטִיפּ אַרוֹיס דֶעם קִינְד פוּן כִּתָּה, לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיפְ'ן נָאז אוּן זָאגְן: **"דוּ חַחַאא, וַוארְט דָא אִינְדְרוֹיסְן..."** אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט ווִיסְן דֶערְפוּן, אָבֶער אַז דֶער מְלַמֵד וֶועט טְרַאכְטְן אוֹיפְ'ן קִינְד: 'דָאס אִיז דָאךְ מַיין קִינְד', וֶועט עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, אִים נֶעמֶען אִין אַ זַייט אוּן זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט אַ גוּט קִינְד!"**

### ~ שְׁאֵלָה ~

**אוֹיב קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְ'ן בָּאס, אִיז דָאס דֶער אַחֲרָיוּת פוּנֶעם בָּאס דְרַייוֶוער?**

תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

אוֹיב אַ קִינְד אִיז חוּצְפָּה'דִיג צוּם דְרַייוֶוער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק וְכַדוֹמֶה, זָאל עֶר דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן פַארְ'ן מְלַמֵד אָדֶער מְנַהֵל, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אִים, דָאס הָאט מִיט דִי מְחַנְכִים.

אָבֶער דִי 'זִיכֶערְהֵייט אַחְרָיוּת', עֶס זָאל נִישְׁט קַיין סַכָּנוֹת, דָאס הָאט מִיטְ'ן דְרַייוֶוער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ קִינְד לוֹיפְט אִין פָּארְנְט פוּנֶעם בָּאס, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, דָאס אִיז 'סַכָּנַת נְפָשׁוֹת', עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ קִינְד קֶען קוּמֶען צוּם בָּאס, אֵיידֶער מֶען וַוייזְט נִישְׁט מִיט דִי הַאנְט אַז עֶר קֶען קוּמֶען.

אִיךְ ווִיל טַאקֶע נִישְׁט מֶען זָאל טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ ווִיל מֶען זָאל זַיין שְׁטְרֶענְג, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין לִיבֶּעַראלֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חִינוּךְ.

### ~ שְׁאֵלָה ~

**עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל וָואס אִיז גֶעלָאפְן אִין פָּארְנְט פוּנֶעם בָּאס, אוּן דֶער דְרַייוֶוער הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאלֵיידִיגְט אוּן צוּרִיק אַהֵיים. הָאט דֶער דְרַייוֶוער גֶעטוּן רִיכְטִיג?**

תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן בַּאלֵיידִיגְט.
חַס וְחָלִילָה אַרַיינְוָואקְן אִין אַ בָּאס! ווִי לַאנְג דֶער דְרַייוֶוער וַוייזְט נִישְׁט מִיט דִי הַאנְט, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם בָּאס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן וָואס עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן אוֹיב מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג דֶערוֹיף.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, פַארְדְרֵיידְט נִישְׁט מַיינֶע דְרָשׁוֹת; אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. אִיךְ רֶעד אַסַאךְ דְרָשׁוֹת מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער, מֵיינְט מֶען שׁוֹין אַז מֶען טָאר גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער... אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין לִינְקֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חֵדֶר, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן, מֶען דַארְף אַלֶעס זָאגְן פַאר קִינְדֶער, נָאר אַז אַ קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט קוּמְט זִיךְ אִים נִישְׁט קַיין פַארְשֶׁעמוּנְג.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אִיךְ רֶעד. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ פְרֶעג אִים: **"וָואס טוּסְטוּ?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אַפָּאר חֲדָשִׁים"**, פְרֶעגְט אִיךְ אִים: **"פַארְוָואס?"** זָאגְט עֶר מִיר: **"מַיין וַוייבּ הָאט מוֹרָא צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיינְס אִינְדֶערְהֵיים, פָאלְג אִיךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט בַּיי דְרָשׁוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת"**, זָאג אִיךְ אִים: **"דָאס הָאסְטוּ גֶעהֶערְט בַּיי דִי דְרָשׁוֹת?! הָאסְט נִישְׁט גֶעהֶערְט גוּט; דוּ דַארְפְסְט אַרוֹיס גֵיין צוּפְרִי דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אַהֵיים בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג"**.

אִיךְ זֶע אַז אַמָאל רֶעדְט מֶען צוּפִיל פוּן זַיין פָּארְזִיכְטִיג אִין אַ גֶעווִיסֶע עִנְיָן, אוּן גֶעווִיסֶע תַּלְמִידִים נֶעמֶען עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

### ~ שְׁאֵלָה ~

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער?**

תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

סְתַּם פָּאנִי (מָאדְנֶע) וֶוערְטֶער, ווִי: "טוּנָא פָּאשִׁיט" - אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶעדֶע וָוארְט. קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אוֹיפְצוּמַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פָּאנִי וֶוערְטֶער, וָואס קֶען מֶען טוּן? עֶס אִיז נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה, מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אוֹיךְ אַהֵיים פוּן חֵדֶר מִיט וֶוערְטֶער אוּן אַלֶע לַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

וָואס יָא? וֶוערְטֶער פוּן אַ בֵּית הַכִּסֵא, ווִי פֶּעמְפֶּערְס וְכַדוֹמֶה, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. נִיבּוּל פֶּה טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן מֶען קֶען עֶס פוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי.

### ~ שְׁאֵלָה ~

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ פִיר יֶערִיג קִינְד וָואס גִיסְט אוֹיס וַואסֶער יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט טְרִינְקֶען?**

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

וֶועסְטוּ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען; זַיי אִים מְחַנֵךְ, זָאג אִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ! מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן וַואסֶער!

מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

### ~ שְׁאֵלָה ~

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רוּפְט זִיךְ אָן וֶוערְטֶער פוּן חוּצְפָּה צוּ זַיין רֶבִּי?**

תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן אִין קוּרְצְן, וַוייל מֶען קֶען מַאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ חוּצְפָּה.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אוֹיב עֶס אִיז וַדַאי חוּצְפָּה, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט דוּרְךְ לָאזְן, אָבֶער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ 'חוּצְפָּה' ■

# בְּרִיוְון פוּן דִּינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ וִויל אִים הַרְגְ'נֶען.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס אַז מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, נִישְׁט מַיין בְּכוֹר נָאר דֶער צְוֵוייטֶער. צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט אִיךְ בִּין, וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ וִויל אִים מַמָּשׁ הַרְגְ'נֶען, אִיךְ וִויל אַרַיינְלֵייגְן סַם אִין זַיין עֶסְן.

וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ זֶע דַיין צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַז אֵיין זוּן אִיז דִיר שׁוֹין אַרוֹיס גֶעפַאלְן פוּן דַיינֶע הֶענְט, יֶעצְט זֶעסְטוּ וִוי דַיין צְוֵוייטֶע זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן דִיר; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּבּ, דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה – צָרוֹת צְרוּרוֹת... לְמָשָׁל, וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי אַ קִינְד גֵייט אַרָאפּ פוּן וֶועג, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וֶועגְן דֶעם קִינְד – נָאךְ קִינְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער מַאן זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ זַיין וַוייבּ, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען צוּ וֵוייעֶךְ צוּם קִינְד, דִי וַוייבּ זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ אִיר מַאן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁטְרֶענְג צוּ אִים וְכוּ', וָואס פַּאסִירְט? דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט.

לֵיידֶער הֶער אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן בָּחוּרִים וָואס דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ; זֵייעֶר טַאטֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער אַלְטֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי וַוארֶעמֶע מַאמֶע פוּן אַמָאל. זַייט אֵיינֶע פוּן דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט הָאבְּן מִיר אַלֶעס פַארְלוֹירְן, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ אַלֵיין, אָדֶער בַּאשׁוּלְדִיגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין צוּ פַארְלִירְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין זוּן אַז דוּ ווִילְסְט אִים פַארְ'סַמְ'עֶן; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁ'ן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים אִים גֶעבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'. יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ מִיט מַיין זוּן, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאךְ גֶעבּ אִיךְ אִים עֶסְן אוּן אַלֶע זַיינֶע הִצְטַרְכוּת'עֶר. אִיךְ בִּין נָאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, טוֹב וּמֵיטִיב, וְרַב חֶסֶד, זָאלְסְטוּ זִיכֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".**

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִיר'ל מִפְּרִימִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי מֵאִיר, פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת) דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו"; וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ אַז עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו הָרָשָׁע? זָאגְט עֶר, אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאס גֶעטוּן, נָאר "כִּי צַיִד בְּפִיו", עֶר זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם מְנַצֵחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי אִיךְ גֶעבּ פַאר עֵשָׂו וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אֲפִילוּ עֶר גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי הֶעלְפְן אִידְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין"**, עַיֵּין שָׁם. זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן תִּיקוּן הַכְּלָלִי. וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיּוּן, גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתִי אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס צִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִלָּה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זִיךְ וֶועלְן הַרְגֶ'עֶנֶען אָדֶער הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם קִינְד, אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע וֶועג – דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ; טְרַאכְט נִישְׁט קַיין נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט חַס וְשָׁלוֹם פַּטֶרְ'ן דַיין זוּן, אִיךְ וֵויס אַז דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מִיר דַארְפְן נָאר מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים. וֶוען מֶען בֶּעט אִים הֶעלְפְט עֶר, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב קכ)

## הַמְשֵׁךְ חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

• נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן אַ קִינְד

### נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ "נֵיין"

אַמָאל הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה אוּן אַמָאל נִישְׁט. אַמָאל דַאכְט זִיךְ פַאר עֶלְטֶערְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְבַזֶּה זֵייעֶר קִינְד, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דֶער קִינְד אַן עַזּוּת פָּנִים; דִי עֶלְטֶערְן ווֵייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין, זֵיי גֶעבְּן אַלֶעס נָאךְ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ אַז אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן בַּאקוּמֶען זֵיי, נָאכְדֶעם וֶוען דֶער מְלַמֵּד זָאגְט: "נֵיין", קוּמְט עֶר שׁוֹין אַהֵיים זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער רֶבִּי, בַּיי אִים אִין קָאפּ מֵיינְט דָאס שְׁלֶעכְט, וַוייל עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ "נֵיין" פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזּוּק שִׁיעוּר פוּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876